# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# אַ מַעֲשֶׂה צוּ לֵיינֶען

# צַדִּיק גוֹזֵר וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְקַיֵּים

## רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ בַּעַל בָּרֵךְ מֹשֶׁה

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

# צַדִּיק גּוֹזֵר
# וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְקַיֵּם

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז דִי יָארְצַייט פוּן מָרָן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ בַּעַל בֵּרַךְ מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיר הָאבְּן פַארְצֵיילְט אַ אִינְטֶערְעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיטְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אֵיין יָאר וֶוען דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָנוּ אִיז זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער צִיבּוּר, אִינְמִיטְן אִיז דָארְט דוּרְכְגֶעפָארְן אַ אִיד פוּן אַ פְרֶעמְדֶע קְרֵייז, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז אַ גְרוֹיסֶער צִיבּוּר אִיז פַארְזַאמְלְט דָארְט הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פְרֶעגְן אֵיינֶעם וָואס עֶס קוּמְט דָא פָאר, הָאט מֶען אִיהְם גֶעזָאגְט אַז דֶער סַאטְמַארֶער רַבִּי גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט דָא צוּ שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָנוּ, וֶוען דֶער אִיד הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט

עֶר אוֹיךְ אוֹיסְגֶענוּצְט דִי גֶעלֶעגֶנְהֵייט אוּן אִיז אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיטְהַאלְטְן וִוי דֶער רֶבִּי שֶׁעפְּט מַיִם שֶׁלָנוּ, נָאכְ'ן שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָנוּ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים הָאט זִיךְ דֶער אִיד מַזְכִּיר גֶעוֶוען בֵּיים רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צֵייט פוּן זַיין חֲתוּנָה אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קֵיין קִינְדֶער, אוּן אַצִינְד בֵּיי מַיִם שֶׁלָנוּ וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶס אִיז אַ צֵייט וָואס מְ'קֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בֶּעט עֶר אַז דֶער רֶבִּי זָאל אִיהְם אָנְוואוּנְטְשְׁן אַז עֶר זָאל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט זַיין בַּקָשָׁה הָאט דֶער רֶבִּי גֶענוּמֶען דִי הַאנְט פוּן דֶעם אִיד אוּן אִיהְם אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט חֲבִיבוּת אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער, זֵייעֶנְדִיג זֵייעֶר גוּטְמוּטִיג אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶעם אִיד, אַז מְ'הָאט יֶעצְט גֶעשֶׁעפְּט מַיִם שֶׁלָנוּ אוּן דִי צְוֵויי וֶוערְטֶער

מַ'יִם שֶׁ'לָנוּ אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "שֵׁם", הָאט אִיהְם דֶער רֶבִּי אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אַז בְּקָרוֹב זָאל עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען גֶעבְּן אַ נָאמֶען פַאר זַיין אֵייגְן גֶעבּוֹירֶענֶעם קִינְד.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דִי בְּרָכָה פוּנֶעם צַדִיק הָאט גֶעמַאכְט אַ רוֹשֶׁם אִין הִימְל, אוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר אִיז דֶער אִיד נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ שֶׁעפְּן מַיִם שֶׁלָנוּ, דָאס מָאל אִיז עֶר שׁוֹין גֶעקוּמֶען אָנְפְרֶעגְן בַּיים רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס פַאר אַ נָאמֶען עֶר זָאל גֶעבְּן פַאר זַיין נַיי-גֶעבּוֹירְן קִינְד וָואס אִיז אִיהְם דֶעמָאלְטְס גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, עֶר אִיז דָאס מָאל שׁוֹין גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זֶענֶען גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק פְרֵיילִיךְ, אַז נָאךְ אַזוֹיפִיל יָארְן אִיז עֶר גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער אִין זְכוּת דִי הֵיילִיגֶע בְּרָכָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.